בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

429

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראַ פאַרק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען פֶּסַח'דִיג?............................ א

רֶעדְן צוּ מָאדֶערְנֶע מֵיידְלֶעךְ וֶועגְן סְמַארְטְפָאוֹנְס?............... ב

אַ תְּפִלָּה פַאר אַ מֵיידְל צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג............................ ג

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי עֶרֶב פֶּסַח נֶערְוֶוען?...................... ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דַאוֶוען מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט............................ א

אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן הַארְץ............................ א

בַּאקוּמֶען נִיגוּנִים נָאר דוּרְךְ אַ כָּשֶׁר'עֶ וֶועג............................ ג

קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף פֶּסַח?............................ ד

אָפְּשְׁטוּפְּן אַ חֲתוּנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה............................ ד

זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶע חַבֶרְ'טֶע............................ ה

מְחַזֵּק זַיין דִי פְּרוֹי אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת אִינְדֶערְהֵיים............................ ה

בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת............................ ו

זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט הֲפָצָה............................ ז

מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאן............................ ח

נִישְׁטָא קַיין רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה............................ ט

עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען אוֹיף אַמֶערִיקֶע שַׁאפְן גֶעלְט............................ י

בֵּין הַזְמַנִּים קֶען מֶען מֶער הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן..............................................יא

דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין גַאס...........................................................................יב

וֶוען מֶען דַאוֶונְט, דַאוֶונְט מֶען.....................................................................יג

לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען, הֶעלְפְן, אַרְבֶּעטְן; נָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג.................. טו

אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן...................... טז

זִיךְ מֶער הִיטְן פוּן מְסוּכָּן'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן .....................................................יח

גֵיי נִישְׁט אִין קַיין קִיאַסְק, אֲפִילוּ אִין אַ כָּשֶׁר'ע.........................................יט

זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶע חַבֶר ...................................................................כ

גוּטֶע חֲבֵרִים דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיךְ בֵּין הַזְמַנִּים.........................................כב

בֵּין הַזְמַנִּים אִיז וִוִיכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ סֵדֶר הַיּוֹם........................................כג

בֵּין הַזְמַנִּים קֶענְסְטוּ מֶער לֶערְנֶען וִוי אַ גַאנְצֶע זְמַן..................................כד

פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת..........................................................כו

אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ, אוּן שְׁלִינְגֶען..........................................................כז

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אוֹיף פֶּסַח.................................................................כח

עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאלְט אַוֶועק ..........................כט

זִיךְ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג....................................................................ל

זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן עֶרֶב שַׁבָּת..............................................................לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען פֶּסַח׳דִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווָאס מֶען דַארְף יָא טוּן אוּן ווָאס מֶען דַארְף נִישְׁט טוּן.

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיינֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זֵיי קֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְקוּמֶען אִיבֶּערָאל אִין הוֹיז, אוּן זֵיי טְרָאגְן אַרוּם עֶסְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע הוֹיז, אוּן עֶס הָאט מִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעכַאפְּט אַ דְרוּק אִין מֹחַ, 'ווִי אַזוֹי וֶועל קֶענֶען פֶּסַח'דִיג מַאכְן דִי הוֹיז? אִיךְ הָאב שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט אַזוֹיפִיל הִילְף פוּן רוֹימֶערְקֶעס ווִי אַמָאל, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס אַלֶעס אַלֵיין בַּאוַוייזְן?' אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ ווִי אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאמֶעס מִיט קִינְדֶער טוּעֶן דָאס.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְקְלָארְן ווִי אַזוֹי אוּן ווִיפִיל מֶען דַארְף פֶּסַח'דִיג מַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען ווֵייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת הָעִנְיָן פוּן אוֹיסְרוּימֶען דִי חָמֵץ אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח - אִיז דִי אַרְבֶּעט גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק. הַיינְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פֶּסַח׳דִיג ווִי אַמָאל, הַיינְט הָאט יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶערֶע

פֶּסַח'דיגֶע כֵּלִים; מֶען פַארְקוֹיפְט אַלֶע חָמֵץ'דיגֶע כֵּלִים און מֶען הָאט נֵייעֶ פֶּסַח'דיגֶע כֵּלִים, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ און אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי חָמֵץ, מֶען כַּשֶׁרְ'ט דִי קַאוּנְטֶערְס מִיט דִי סִינְק און מֶען דֶעקְט זֵיי אִיבֶּער מִיט זִילְבֶּער פַּאפִּיר וְכַדוֹמֶה - און עֶס אִיז פֶּסַח.

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע פֶּסַח מַאכְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט אִיבֶּער אַלֶע טֶעג פוּן עֶרֶב פֶּסַח פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת און אַ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב), אַז עֶר פִירְט זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף - גֶעבְּט עֶר זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט אִיבֶּער אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִיבּוּרִים און מַעֲשִׂים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם: 'הָאבּ אִיךְ גוּט גֶעטוּן? הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן אַנְדֶערְשׁ?' וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זִיכֶער אַלֶעס גוּט, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט: "וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת און יוֹם טוֹב, גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג און פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת און פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן און אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן צוּ מָאדֶערְנֶע מֵיידְלֶעךְ וֶועגְן סְמַארְטְפָאוּנְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין פַאר גְרֶעסֶערֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן עֶלְפְטֶע קְלַאס, מַיינֶע תַּלְמִידוֹת קוּמֶען

פון מער מָאדערנע שְׁטִיבער, בַּיי זֵיי אִינְדערהֵיים איז עֶרְלוֹיבְּט אוּמְגֶעפִילְטֶערְטֶע סְמַארְטְפָאוֹנְס, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ זֵיי צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, און אוֹיךְ נִישְׁט אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן קַיין אִינְטֶערְנֶעט; ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי אָבֶער יָא מְחַנֵּךְ זַיין, אַז זֵיי זָאלְן כָּאטְשׁ עֶס נוּצְן נָאר אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

ווארויל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט עוֹסֵק מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער; אִיר זֶענְט זֵיי מְחַנֵּךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מִיט אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, און דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, דָאס וֶועט צִיעֶן זֵייעֶר הַארְץ זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וועלְן זַיין עֶרְלִיךְ און גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה.

גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין פְּרָטִים, פוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן יָא הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אָדֶער נִישְׁט, רֶעדְט בִּכְלָלִיּוּת פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַז מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן סָאוֹשֶׁע״ל מִידְי״ע, נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְשָׁרִים מִיט פְרֶעמְדֶע און נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן הַצְלָחָה און סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

...

## אַ תְּפִלָּה פַאר אַ מֵיידְל צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר בֵּית פֵיגָא, עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְקוּל, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע סְקוּל ווִי בֵּית פֵיגָא, מֶען לֶערְנְט

אַזֶעלְכֶע וויכְטִיגֶע זַאכְן פַאר דִי לֶעבְן, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה וָואס אִיךְ קֶען בֶּעטְן וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּן פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

**זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:**

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידֶל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, חַבֶרְ׳טֶעס וָואס רֶעדְן אֵיידְל אוּן פִירְן זִיךְ אֵיידְל, חַבֶרְ׳טֶעס וָואס פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, חַבֶרְ׳טֶעס וָואס מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק צְנִיעוּת, וַוייל אֲפִילוּ דִי בֶּעסְטֶע מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע חֲבֵרִים - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אוּמְאֵיידְל, עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס וָואס רֶעדְן אֵיידְל, פִירְן זִיךְ אֵיידְל אוּן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיינֶע לֶערֶערִינְס אוּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט מִיר אִין סְקוּל, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָנְפִילְן מִיט שֵׂכֶל פַאר מַיין גַאנְצֶע לֶעבְן.**

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט וֶועם אִיךְ וֶועל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּנְזֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי צַדִּיקִים".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי עֶרֶב פֶּסַח נֶערְוֶועָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוֶועָן, דִי גַאנְצֶע עֶרֶב פֶּסַח טֶעג אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע דוּרְכְגַאנְג.

יֶעצְט וִויל זִי נָאכְנִישְׁט אָנְהֵייבְּן דִי אַרְבֶּעט, ווייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ. זִי זָאגְט אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זִי שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אוּן זִי גֵייט עֶס מַאכְן אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר; אוֹיבּ וִויל אִיךְ אָנְהֵייבְּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן, אִיז זִי נִישְׁט מַסְכִּים, אוּן לְמַעֲשֶׂה ווייס אִיךְ שׁוֹין אַז וֶוען זִי וֶועט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְהֵייבְּן, וֶועט זִי ווידֶער שְׁוַואךְ וֶוערְן, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

וָואס טוּט מֶען דָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם זָאגְן אַז עֶר הָאט מִיט דִי נֶערְוֶועָן; וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט דִי נֶערְוֶועָן, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אוֹיבּ מֶען הָאט נָאר אֵיין מָאל גֶעקוּקְט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם אֵיין מָאל פּוֹגֵם גֶעוֶועָן בְּמַעֲשֶׂה הָאט מֶען שׁוֹין מִיט דִי נֶערְוֶועָן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַז מֶען זִינְדִיגְט הָאט מֶען מִיט דִי נֶערְוֶועָן.

שִׂמְחָה אִיז דִי עֵצָה פַאר שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועָן; מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, מַאךְ אַ גוּטֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְף אִיר מְסַדֵּר זַיין דָאס פֶּסַח מַאכְן, צֶעטֵייל

עֶס אִין טֶעג; הַיינְט דִי שְׁטוּב, מָארְגְן אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּב, אִיבֶּערְמָארְגְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, און נָאכְדֶעם דִי חֵלֶק קָאךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער; הֶעלְף אִיר מַאכְן סֵדֶר אִין מֹחַ, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס מַאכְן אִין אֵיין טָאג.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּת און בִּלְבּוּלִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י): "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ גֵייט מֶען אַרַיין אִין אַ נֵייעֶ וֶועלְט, אִין אַ פְרֵייעֶ וֶועלְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע נֶערְוֶוען, מֶען וֶוערְט אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, דִי מֹחַ וֶוערְט פְרֵיי; זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ וֶועט זִי הָאבְּן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי חָמֵץ און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וַוייל אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דַאוֶונען מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ הָאסְטוּ מִיר גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף שֶׁפַע; אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן - וֶוען דַיין וַוייבּ הֶערְט - אוֹיבּ דוּ דַאוֶוענְסְט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן; וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה, צוּ גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן", וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט; אוּן וֶוען עֶס אִיז אַן עֵת רָצוֹן - קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ׳ן, מֶען קֶען פּוֹעֵלְ׳ן פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן (גֶעלְט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען הָאט דִיר אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיטְן הַארְץ פוּנֶעם

קִינְד, זָאלְסְטוּ שׁוֹין גֵיין צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק (גֵיי קַיין רִיבְנִיץ), און זַיי זִיךְ דָארְט מְקַבֵּל אַז דוּ גֵייסְט הִיטְן דַיין הַארְץ דוּרְךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; לֵייג אַרוֹיף דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶער אוֹיף דַיינֶע כֵּלִים, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קוּקְן שְׁמוּץ, מִיט נָאךְ קוּקְן פְּרוּיעֶן און רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן וְכוּ׳ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט), אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֲבֵירוֹת, און אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּךְ וְכַךְ׳ - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; און רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן עֵצָה אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ׳אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?׳ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר און גֶעזָאגְט: ׳דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאקוּמֶען נִיגוּנִים נָאר דוּרְךְ אַ כָּשֶׁר'עֶ וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי עֶפְּפּ 'זִינְג' אִיז נִישְׁט גוּט; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בַּאקוּמֶען דִי נִיגוּנִים דוּרְךְ אַ כָּשֶׁר'עֶ וֶועג, דִי עֶפְּפּ הָאט אוֹיךְ פַּאדְקֶעסְטְס וָואס קֶען אַוֶועק נֶעמֶען דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, בִּפְרַט דִי אִידִישֶׁע אוּן דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס חֲסִידִי'שׁ - דָאס אִיז נָאךְ פִּיל עֶרְגֶער.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג, הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין, אוּן אֲפִילוּ דַיינֶע שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים זָאגְן דִיר אַז אַלֶע הָאבְּן דָאס - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט הָאבְּן.

נֶעם דַיין שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; פוּן דָארְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דַיינֶע הַשְׁקָפוֹת אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

גֵיין צוּם לֵיל הַסֵּדֶר נָאכְ'ן בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַבְרָהָם מֹשֶׁה הַכֹּהֵן שְׁטְרַאסְסֶער שְׁלִיטָ"א**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר דִי יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן צַאמְנֶעמֶען קִמְחָא דְפִּסְחָא צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שַׁדַ"ר אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין צוּם לֵיל הַסֵּדֶר אוּן הָאבְּן בַּאצָאלְט אַלֶע מְלַמְדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְנַהֲלִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַלֶע אָפִּיס אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

...

**קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף פֶּסַח?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

אִיז גוּט צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל פֶּסַח צוּ זַיין נֶעבְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

פֶּסַח אִיז מֶען אִין שְׁטוּב, אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן; פֶּסַח גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיין רֶבִּי, פֶּסַח אִיז מֶען נִישְׁט צוּ גַאסְט.

...

**אָפְּשְׁטוּפְּן אַ חֲתוּנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן **הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס מוֹסִיף צוּ זַיין, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן נָאכְאַמָאל אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אַ חֲתוּנָה, עֶס אִיז אַ סַכָּנָה; זָאלְסְט וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן, נֶעם אַ מִנְיָן אִידְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב אוּן הָאבּ חֲתוּנָה.

אַז דַיין זֵיידֶע, בַּאבֶּע, פֶעטֶער, מוּמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער - וִילְן אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה אוּן הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ זַאל פַאר חֳדָשִׁים אַרוּם - קֶענְסְטוּ דֶערמָאלְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מְסִבָּה, אָבֶּער דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִי חֲתוּנָה; עֶנְק מוּזְן שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז יֶעצְט לָאזְט נִישְׁט דִי פָּאלִיצֵיי מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה צוּלִיב זִיכֶערְהֵייט פוּן דִי מִלְחָמָה - זָאלְן עֶנְק מַאכְן אַ קְלֵיינֶע חֲתוּנָה.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין עֶנְקֶער לֶעבְן, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אוּן דוּ פְרֶעגְסְט מִיר - זָאג אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל: אָפְּשְׁטוּפְּן אַ חֲתוּנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי אָפְּשְׁטוּפְּן אַ חֲתוּנָה, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ פְרוֹי אִיז פָּטוּר פוּן דַאוֶונֶען וויבַּאלְד זִי אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ', אָבֶּער בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר דַארְף מֶען זָאגְן; גֶעווּאוּינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר אוּן אוֹיךְ קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַז אִינְדֶערְפְרִי הָאט אִיר נִישְׁט קַיין צַייט, אִיר דַארְפְט זָארְגְן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ' - זָאלְט אִיר זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר נָאכְן אָנְטוּן אוּן גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער פוּן אַפָּאר מִינוּט, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קֶענֶען מַאכְן צַייט.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע מִיט וֶועם מֶען קֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין; נֶעמְט זִיךְ אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע אוּן זַייט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט אִיר, אֵיין מָאל וֶועט אִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן אֵיינְמָאל וֶועט זִי אַייךְ גֶעבְּן חִיזּוּק, אַמָאל פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת אוּן אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע קֶען זֵייעֶר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לד), דוּרְךְ אַ חָבֵר קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", פוּן חֲבֵרִים קֶען מֶען לֶערְנֶען מֶער ווִי מֶען לֶערְנְט פוּן אַ רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְחַזֵּק זַיין דִי פְרוֹי אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת אִינְדֶערְהֵיים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

ווּאוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיטֶע אוֹיבּ אִיר קֶענְט מְחַזֵּק זַיין דִי תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט

נָאכְלָאזְן אִין שְׁטוּבּ פַארְן מַאן, זִי זָאל זִיךְ שַׁיין מַאכְן פַארְן מַאן; דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אִין שְׁטוּבּ פַארְן מַאן שֵׁיין, רֵיין, מִיט טַעַם אוּן חֵן; "אַל תִּהְיוּ כְּסוּס" (תְּהִלִּים לב, ט), אַ אִיד אִיז נִישְׁט ווִי אַ פֶערְד; אַ פֶערְד - אִין גַאס בַּאצִירְט מֶען אִיר, אוּן אִין שְׁטַאל לִיגְט זִי שְׁמוּצִיג; אַ אִיד אִיז פַארְקֶערְט, אִין גַאס זוּכְט מֶען נִישְׁט צוּ צִיעֶן פְרֶעמְדֶע אוֹיגְן אוּן אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען שֵׁיין בַּאצִירְט.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין, ווַייל זִי מִיט אִיר מַאן זֶענֶען צְוֵויי טַייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ אַז זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אַהֶער וְכוּ' וְכוּ'.

נָאכְמָאל, אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, מִיט מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן צַאמֶנְעמֶען צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אִין אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר וַוארֶעם פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף זֵיי נָאר בֶּעטְן, מֶען דַארְף נָאר אָפְּנֶעמֶען פוּן זֵיי דִי צְדָקָה; בִּפְרַט יֶעצְט עֶרֶב פֶּסַח ווִילְן אַלֶע הֶעלְפְן דִי מְלַמְּדִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֵיין צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, עֶס זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַרָאפְּנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַז אִיךְ אַלֵיין זָאל קֶענֶען שַׁאפְן דִי שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער מִידֵי חוֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

...

## זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**שְׁלֹמֹה זוֹלְדַן נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֶעלְפְן אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס אִין בְּנֵי בְּרַק; אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק שָׁעוֹת אַרְבֶּעט בְּהִתְנַדְּבוּת צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן דָאס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן אִין בְּנֵי בְּרַק, מְחַזֵּק זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?״ הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְׁ׳ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר צוּלִיב זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ׳״, הָאט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק״, הָאט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ

גֶעזָאגְט: "'הַיְינוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ', יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

הַלְוַאי זָאלְן עֶנְק צוּרִיק מַאכְן דִי הַפָּצָה פַארְבְּרֶעַנְג, אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאלְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען דִי חֲבֵרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט הַפָּצָה, יֶעדֶער זָאל דֶערְצֵיילְן זַיינֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי וָואךְ בַּיי הַפָּצָה. וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים, טֵייל אַיין אַלֶע שׁוּלְן אוּן כּוֹלְלִים וְכוּ' אִין בְּנֵי בְּרַק צְוִוישְׁן אַייךְ, (דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים וָואס ווִילְן נִישְׁט דִי גִלְיוֹנוֹת - אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָארְט צוּ לֵייגְן, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שׁוּלְן אוּן כּוֹלְלִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת, דָארְט דַארְף מֶען דָאס לֵייגְן).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיר זֶענְט נִישְׁט אַייעֶר מַאן'ס פָּאלִיצֵיי מַאן אִים אַיינְצוּטֵיילְן וָואס עֶר מֶעג טוּן אוּן וָואס עֶר מֶעג נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט אַ רַחְמָנוּת, אַייעֶר מַאן שְׁלָאגְט אַייךְ אוּן עֶר שְׁפַּארְט אַייךְ אַיין אִין אַ צִימֶער וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן, אַ אִיד טוּט נִישְׁט אַזוֹי פַאר זַיין וַוייבּ; אָבֶּער אִיר הָאט זִיךְ דָאס אַלֶעס אַלֵיינְס גֶעבְּרֶענְגְט, אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ אִים נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק כַאפְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְפְן טֶעלֶערְס אוֹיפְן מַאן וֶוען עֶר זִיצְט בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר סְטְרַאשֶׁעט אִים, אִיר זָאגְט אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ דָארְט קוּקְן אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער; זַייט מִיר

מוֹחֵל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאן, אוּן קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעפִּירְט מִיט דִי וֶועג, אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס עֶר אִיז אַרַיין אִין אַזַא כַּעַס.

אַז אִיר ווִילְט אַ רֵיינֶע שְׁטוּב הָאט אִיר אֵיין עֵצָה, שְׁטִילֶערְהֵייט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אִין שְׁטוּבּ זָאל נָאר זַיין קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת אוּן טוּמְאָה".

אַז אִיר ווִילְט אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ דַארְפְט אִיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, אוּן אַז עֶר טוּט זַאכְן וָואס אִיר ווִילְט אַנְדֶערְשׁ - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ שֵׁיין רֶעדְן, אוּן אַז עֶר הָאט דִי קָאמְפְּיוּטֶער אוּן עֶר אִיז פַּארְ'כִּישׁוּפְ'ט צוּ דֶעם - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ שֵׁיין רֶעדְן; נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוּן אַז מֶען פּוֹעֶלְ'ט נִישְׁט - זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁטָא קַיין רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁטֶעסְל נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ הֶער אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף; אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הֶערְן אַ בָּחוּר רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - וֶועסְטוּ אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה. אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט רֶעדְן נָאךְ מֶער שַׁארְף, אִיךְ מַאךְ דִיךְ אַ שָׁלִיחַ דוּ זָאלְסְט הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת רֵיין, אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאלְן זַיין אִין יְשִׁיבָה בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זָאל זַיין וֶוער זָאל

זַיין, נִישְׁטָא קַיין רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט אַ קְלֵיינֶע צָאל תַּלְמִידִים, אֲפִילוּ וֵויינִיגֶער פוּן מִנְיָן; וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, מֶען אִיז גוֹרֵם אַז עֶס זָאלְן פַאלְן בָּאמְבֶּעס פוּן דִי רוֹצְחִים אוֹיף אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג:): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן נַייעֶ גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין" יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן פַאר הִילְף אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט; דוּרְכְדֶעם וָואס בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען דִי בָּאמְבֶּעס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ קוּמֶען אוֹיף אַמֶערִיקֶע שַׁאפְן גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה; דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעהַאלְטְן, קוּק אַרַיין אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע שַׁאפְן גֶעלְט, מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט זֵיי אַז עֶס אִיז דִמְיוֹן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אִין חוּץ לָאָרֶץ, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אִיבֶּער צוּ לָאזְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

קוּם נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקֶע; אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע - זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, טֵייל אוֹיס דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶעם רֶבִּינְ'ס

הִתְחַזְּקוּת; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט פַאר חִיזוּק, מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיין פַאר דִי סְפָרִים; אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט פַארְן מַגִּיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁלִיטָ"א אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֵּין הַזְּמַנִּים קֶען מֶען מֶער הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זֵיידֶע הָאט מִיךְ גֶערוּפְן, עֶר זָאגְט מִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט אִים זֵייעֶר, דִי ווינְטֶער הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁנֵייט, יֶעדֶע מָאל נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דִיךְ צוּ רוּפְן - בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעשַׁארְט דִי שְׁנֵיי מִיט אַ זְרִיזוּת, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, יֶעצְט אִין דִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג זָאלְסְטוּ זֶען וָואס מֶער צוּ הֶעלְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוֹיךְ דַיינֶע זֵיידֶעס. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן טַאטֶע מַאמֶע, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז: "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת" (יְרוּשַׁלְמִי קִדּוּשִׁין א, ז), עֶס אִיז זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע מִצְוָה; אוּן יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג, וָואס מֶען רוּפְט 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג - זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן נָאךְ מֶער אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן דִי קִינְדֶער; מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב, מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן, אַיינְרִישְׁן וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג זַיי צוּ הֶעלְפְן.

וֶוען דוּ הֶעלְפְּסְט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, נִישְׁט אַבִּי גֶעטוּן אוּן אַבִּי גֶעמַאכְט, ווִי מֶען אִיז גֶעצְווִינְגֶען, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, נָאר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת

שִׂמְחָה חֵלֶק א, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וָוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה - אִיז דָאס אַ בַּאוַוייז אַז זַיין הַארְץ אִיז אִים גַאנְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֵיי עֶפֶּעס טוּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ קֶענְסְט זֵיי הֶעלְפְן, זָאלְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען אוּן אוּנְטֶערְטַאנְצְן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר זֵיי; וַוייל מֶען הָאט גָארְנִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין גַאס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, פִיר זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דְרֵיי זִיךְ צְוִוישְׁן דִי פִיר וֶוענְט פוּן יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט 'בֵּין הַזְּמַנִּים' זָאלְסְטוּ זִיךְ דְרֵייעֶן נָאר אִין שׁוּל, דָארְט אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶענִיצְט זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה - דִי הָאבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן, אוּן נֶעבֶּעךְ דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים אִיבֶּער צוּ לָאזְן דִי פִיר וֶוענְט פוּן יְשִׁיבָה אוּן גֵיין זוּכְן אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע גְלִיקְן - דִי אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין שׁוּל - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ה, ב), אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, ב): "'אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר', אֲנִי יְשֵׁנָה מִבֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אָבֶּער "וְלִבִּי עֵר לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת", אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן דִי יְשִׁיבוֹת, דִי שׁוּלְן; דָארְט קֶען מֶען גֶעפִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער תַּלְמִיד, אוֹיךְ יֶעצְט אִין דִי 'בֵּין הַזְּמַנִּים' טֶעג

זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן אִין שׁוּל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): "מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה", אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אִין טַייךְ וֶוערְט מֶען אוֹיס טָמֵא, מֶען וֶוערְט טָהוֹר, "אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת", אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל, אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְשְׁמִירְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, דִי קָאפּ לִיגְט אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - וֶוערְט מֶען רֵיין, מֶען וֶוערְט מְלֵאִים מִצְוֹת, אָנְגֶעפִּילְט מִיט מִצְוֹת; אוּן טַאקֶע וַוייל מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה, אִין כּוֹלֵל - צוּ וֶוערְן אָנְגֶעפִּילְט מִיט מִצְוֹת - פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֵיי אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן יְשִׁיבָה, פוּן כּוֹלֵל - אוּן זֵיי אַרַיינְוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זָאלְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי שׁוּל, אִיבֶּערְלָאזְן דִי יְשִׁיבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין גַאס, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, דְרֵיי זִיךְ נָאר אִין יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט 'בֵּין הַזְּמַנִּים' וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ שׁוּל וואוּ דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אָן וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט. מַאךְ זִיךְ אַ הוֹיפְן סְפָרִים, נֶעם אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, תְּהִלִּים, אוּן נָאךְ - אוּן לֶערְן מִיט אַ נִיגוּן אוֹיפְן קוֹל, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס אִין אָנְהֵייבּ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען; וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס, אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער בַּיים סוֹף עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי קָאפּ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, דַאוֶוענְט מֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער אַז דוּ הֶעלְפְסְט דַיין טַאטֶע רֵיינִיגְן דִי מִקְוֶה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר. בַּיי דִיר אִיז דָאס צְוֵויי זְכוּתִים, אֵיינְס הֶעלְפְן אַ

טַאטֶע - דָאס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג; צְוֵוייטְנְס - מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס מֶען טוּט אִין רֶבִּינְ׳ס שׁוּל, חֵדֶר, סְקוּל, יְשִׁיבָה וְכוּ׳ - אִיז אַ זְכוּת אוּן אַ תִּיקוּן.

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן ׳בֵּין הַזְּמַנִים׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ דַאוֶועֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, זָאלְסְט דַאוֶועֶנֶען מִיט אַ סִידוּר אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן אַהֶער אוּן אַהִין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען בִּשְׁעַתְ׳ן דַאוֶועֶנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת י.): ״זְמַן תּוֹרָה לְחוּד וּזְמַן תְּפִלָּה לְחוּד״, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - דַאוֶוענְט מֶען, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן וָואלְט מֶען נִישְׁט אַרֵיינְגֶעקוּקְט אִין סְפָרִים, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ קֶענִיג; מֶען וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַארְן קֶענִיג, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - דַארְף מֶען דַאוֶועֶנֶען מִיט הַכְנָעָה, מִיט יִרְאָה; גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דַאוֶועֶנֶען, אַרֵיינְקוּקְן אִין סִידוּר.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאוֶועֶנֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם בַּיים דַאוֶועֶנֶען, טְרֶעף זִיךְ דַיין ווִינְקְל אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ דַאוֶועֶנֶען מִיט אַ זִיסְקֵייט, אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן - דֶעמָאלְט אִיז דִי הִימְל אָפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר דִי גַאנְצֶע מִנְיָן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶס אִיז דֶעמָאלְט אַן עֵת רָצוֹן (בְּרָכוֹת ז:); זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן אַהֶער אוּן אַהִין, אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים; בַּיים דַאוֶועֶנֶען זָאלְסְטוּ נָאר אַרֵיינְקוּקְן אִין סִידוּר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בַּיים דַאוֶועֶנֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיים סוֹף, פַאר דִי צְוֵוייטֶע ׳יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי׳ - צוּ מַאכְן אַ סְטַאנְצְיֶע אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס; אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוֹיף פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיף זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, אוֹיף אִידִישׁ: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן, דֶער

יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן"... אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בַּיי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת; זָאג זִיךְ נִישְׁט צוּ אוֹיסְטְרֶעטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בְּלַייבּ שְׁטֵיין מִיטְן סִידוּר אוֹיפְן פָּנִים און רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ; דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, הֶעלְפְן, אַרְבֶּעטְן; נָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן דַיין מַגִיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁלִיטָ"א, עֶר זָאגְט מִיר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְּלַייסִיג; דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת און דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

יֶעצְט קוּמְט דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַזְמַנִּים', זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, וַוייל דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז גֵיין לֵיידִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת, "וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", און עֶס בְּרֶענְגְט צוּ וֶוערְן אַ נֶערְוֶועזְן קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען דוּרְךְ גֵיין לֵיידִיג.

אָדֶער גֵייסְטוּ אִין שׁוּל לֶערְנֶען, אָדֶער דַאוֶוענֶען, אָדֶער הֶעלְפְּסְטוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער נֶעמְסְטוּ עֶפֶּעס אָן אַרְבֶּעט; נָאר נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, נָאר נִישְׁט בַּטְלֶ'ען דִי צַייט, און זִיכֶער נִישְׁט נֶעמֶען אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, טֶעלֶעפָאן און זִיךְ פַארְבְּרֶענֶען דִי מֹחַ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. קוּקְן קְלִיפְּס, מָאוִויס, ווִידִיאוֹס - בְּרֶענְגְט מֶען זָאל וֶוערְן אַ חוֹלֶה נֶפֶשׁ, מֶען בַּאקוּמְט עֶנְקְזַייעֶטִי, פַּאנִיק אַטַאקֶעס, פְּחָדִים; אַלֶעס קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד, הַאלְט רֵיין דַיינֶע אוֹיגְן, הַאלְט רֵיין דַיין מֹחַ, אוֹיךְ יֶעצְט 'בֵּין הַזְּמַנִּים' אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא; הִיט זִיךְ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ הִיטְן, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן פוּן קוּקְן שְׁלֶעכְטְס - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "אִי יָהֲבַת לִי לִבָּךְ וְעֵינָךְ", אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן, "אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי", וֵייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאֲרְן הֶעלְפְן רֵיינִיגְן דִי מִקְוֶה אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ צוּ הֶעלְפְן אִין אַ שׁוּל, מֶען הָאט אַ חֵלֶק אִין אַלֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן גֶעטוּן אִין דֶעם שׁוּל.

גֵיי מִיט חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוּן חֲסִידִי'שֶׁע שִׁיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא בְּלָאטֶעס בַּיי דִי יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ בְּלַייבְּן אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ, אוּן אַז עֶס אִיז דָא קַאלְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ אָנְטוּן אַ חֲסִידִי'שֶׁע מַאנְטְל, אַ חֲסִידִי'שֶׁע סְוֶועטֶער, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ וָואס דוּ זֶעסְט בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם. אִיךְ דַארְף אַלֶעמֶען מְקָרֵב זַיין, אִיךְ נֶעם אַלֶע וָואס ווִילְן זַיין אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט נִישְׁט זִיךְ צוּ רִירְן פוּן דִי לְבוּשׁ וָואס דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן.

נִיץ אוֹיס דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַזְּמַנִּים' אוֹיף צוּ נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אַבִּיסְל רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י), אַלְס קִינְד פְלֶעגְט עֶר זוּכְן אַ

שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואו צו קֶענֶען רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּלֶעגְט אַרוּיפְגֵיין אִין בּוֹידֶעם, (בַּיי זַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ בּוֹידֶעם, דָארְט הָאט מֶען גֶעהַאלְטְן דִי הָאלְץ צוּ אָנְוַוארֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ פַאר אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דִי עֶסְן פַאר דִי פֶערְד), דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְּלֶעגְט מִיט נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעפְלָאכְטְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עַל כֵּן טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, מַאךְ עֶס נָאךְ, זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר... הֶעלְף מִיךְ... רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע...", אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דוּ בֶּעטְסְט אוּן בֶּעטְסְט אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע צַדִּיקִים גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָאס אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שָׁם, סִימָן יב), וֶוען עֶר פְּלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס וָואס עֶר בֶּעט, אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְּלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ מֶער הִיטְן פוּן מְסוּכָּן'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דַיין מַגִיד שִׁיעוּר, אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ דַאוֶוענְסְט אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

הֶער זִיךְ גוּט צוּ וָואס דֶער מַגִיד שִׁיעוּר לֶערְנְט מִיט עֶנְק, עֶס וֶועט קוּמֶען טֶעג אִין לֶעבְּן וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין מִיט דִי טֶעג וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אוֹיךְ אִין דִי 'בֵּין הַזְמַנִים' טֶעג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה - דַארְף מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט דִיךְ אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן מֶען קֶען זִיךְ פוּן אִים נִישְׁט בַּאהַאלְטְן.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַזְמַנִים' וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִין אַ מִסְגֶרֶת דַארְף מֶען זִיךְ מֶער הִיטְן פוּן מְסוּכָּן'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין לֵיידִיגֶע שׁוּלְן אָדֶער אִין לֵיידִיגֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן יוּנְגֶע בָּחוּרִים צוּ טוּן מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל טוּן מִיט דִיר עֶפֶּעס - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, דוּ זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

זַאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת, זָאג וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אַז דִיר קוּמְט אָן שְׁוֶוער דָאס זָאגְן - זָאלְסְטוּ זָאגְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכְנְט דִי וִוילְן אוּן דָאס הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי נִישְׁט אִין קַיין קִיאַסְק, אֲפִילוּ אִין אַ כָּשֶׁר'עֶ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, דוּ בִּיסְט יוּנְג, דוּ בִּיסְט רֵיין, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר - הִיט דַיינֶע אוֹיגְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין קִיאַסְק, אֲפִילוּ אִין אַ כָּשֶׁר'עֶ קִיאַסְק, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יג.), מֶען זָאגְט פַאר'ן נָזִיר: "לֵךְ לֵךְ אָמְרִי נְזִירָא, סְחוֹר סְחוֹר לְכַרְמָא לָא תִּקְרַב", גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ וַויינְגָארְטְן, אֲפִילוּ דָאס אַרַיינְגֵיין אִין אַ וַויינְגָארְטְן אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה פַאר אַ נָזִיר, דָאךְ זָאגְט מֶען אִים: 'גֵיי נִישְׁט אַרַיין', מֶען זָאגְט אִים: 'מַאךְ זִיךְ גְּדָרִים, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, וַוייל דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ עֶסְן פוּן דִי טְרוֹיבְּן'; אַזוֹי אוֹיךְ טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין אַ נִסָּיוֹן? מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁלֶעכְטְס, חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - אִיז מֶען נָאכְדֶעם פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, מֶען וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער, אַ צֶעקְלַאפְּטֶער, בִּיז מֶען וִויל שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן; דָאס אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד גֵיי נִישְׁט אִין קַיין קִיאַסְק אוּן נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין הַאנְט אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן", דִּי אוֹיגְן אוּן דִּי הַארְץ זֶענֶען דִּי מֶעקְלֶערְס פַארְן יֵצֶר הָרָע; דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "עַיִן רוֹאֶה", עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, "וְהַלֵּב חוֹמֵד", נָאכְדֶעם גְלוּסְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גוֹמְרִים", בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיךְ צוּהֶערְן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ קוּק אַזוֹי אַרוֹיס אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק אַז דוּ גֵייסְט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ קִיאַסְק אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען אִין הַאנְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶע חָבֵר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן אֵיידְל, וָואס מַאכְן נָאר אֵיידֶעלֶע וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן הִיט זִיךְ ווִי פוּן פַייעֶר פוּן דִי וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אָדֶער כְּמוֹ נִיבּוּל פֶּה, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס מִיט חֲבֵרִים אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן ווִילְדֶעוֶוען - זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֵיין פוּן זֵיי, גֵיי נָאר מִיט דִי אֵיידֶעלֶע בָּחוּרִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען דוּ גֵייסְט הַפָּצָה צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, וַוייל אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִי מֵפִיצִים, מֶען ווִיל זֶען ווִי אַזוֹי עֶס פִירְן זִיךְ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ בָּחוּרִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶע חָבֵר מִיט וֶועם דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זוּךְ אוֹיף צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים אַ חָבֵר וָואס הָאט תְּמִימוּת, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַ גוּטֶע חָבֵר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶע חַבֵר, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, און מֶען קֶען אַסַאךְ מֶער מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן דוּרךְ אַ גוּטֶע חַבֵר.

עַל כֵּן לִיבֶּער תַּלְמִיד, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ גוּטֶע חַבֵר און זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיט אִים, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי 'בֵּין הַזְמַנִים' טֶעג וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִסְגֶרֶת אִיז גָאר וויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבֵר מִיט וֶועם מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זָאלְסְט אִים דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעלֶערְנְט, דֶערְצֵייל אִים פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, און עֶר וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט הַיינְט גֶעהַאט און וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, "וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", און פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מֶער וִוי פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, וַוייל מִיט אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גָאר שֵׁיין.

און אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אַ בִּלְבּוּל אָדֶער אַ קַטְנוּת הַדַעַת וֶועט דִיר דַיין חַבֵר קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן און דִיךְ מְחַזֵק זַיין. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ד, ט): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", עֶס אִיז בֶּעסֶער צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אִינְאֵיינֶעם, "כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ", וַוייל אוֹיבּ אֵיינֶער פַאלְט קֶען אִים דֶער חַבֵר אוֹיפְהֵייבְּן, "וְאִילוּ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", אָבֶּער אַז מֶען אִיז אֵיינֶער אַלֵיין הָאט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אוֹיפְהֵייבְּן, און אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטִיל קָטָן, אוֹת יג), אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חַבֵר מִיט וֶועם מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - קֶען מֶען זַייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוּטֶע חֲבֵרִים דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיךְ בֵּין הַזְּמַנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַזְּמַנִים' וֶוען דִי יְשִׁיבוֹת אוּן דִי כּוֹלְלִים זֶענֶען פַארְמַאכְט - דַארְפְסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער נָאר חַבֶר'ן מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וַוייל אֲפִילוּ אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן אַ גוּטֶער אִינְגֶערְמַאן, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט בָּחוּרִים אָן יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועט עֶר נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן נָאךְ זֵיי. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי יג, כ): "וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ", אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ מִיט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים וֶוערְט מֶען נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ), אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן גוּטֶע בְּשָׂמִים, אֲפִילוּ עֶר קוֹיפְט נִישְׁט קַיין בְּשָׂמִים - גֵייט אַרַיין אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער אַ גוּטֶע שְׁמֶעק.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן דִי וָואס גֵייעֶן אַרוּם צוּ טִישְׁן פוּן רֶבִּי'ס מִיט דִי כַּוָונָה צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת, אוּן זֵיי רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף רַבָּנִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת; פוּן דִי דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס וִויל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מוֹהֲרַנ״ת, מֶען כַאפְּט אָן דַוְקָא דֶעם פָּסוּק: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ", וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין - בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ וָואס לַאכְט אָפּ פוּן צַדִיקִים, פוּן רַבָּנִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי טוּמְאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

'בֵּין הַזְּמַנִים' אִיז גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ גַאנְץ יָאר, גוּטֶע חֲבֵרִים דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיךְ 'בֵּין הַזְּמַנִים'. הַאלְט אָפְּ דַיינֶע אוֹיעֶרְן, אַז דוּ הֶערְסְט פוּן דִי גְרוּפֶּע בָּחוּרִים אָדֶער אִינְגֶעלַייט וֶוערְטְלֶעךְ פוּן נִיבּוּל פֶּה - דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט חַבְר'ן מִיט זֵיי, אוּן אַז זֵיי וַוייזְן דִיר אִין טֶעלֶעפָאן אָדֶער זֵיי שִׁיקְן דִיר נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - דַארְפְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען

אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים, וַוייל מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן און מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֵּין הַזְּמַנִּים אִיז ווִיכְטִיג צוּ הָאבְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט מִיר נֶעלָם גֶעוָוארְן, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד. קוּק דִי לָשׁוֹן וָואס דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן שֵׁנִי לַמַּלְכוּת (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ), ״אַ שָׁאד... נָאךְ אַזוֹיפִיל יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט...״

יֶעצְט אִין דִי ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳ טֶעג אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם; אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען לֶעבְן מִיט אַ סֵדֶר, אוּן נָאךְ מֶער יֶעצְט ׳בֵּין הַזְּמַנִּים׳, וָואס מֶען אִיז אָן יְשִׁיבָה, אָן כּוֹלֵל - דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט, וֶוען מֶען הֶעלְפְט וְכוּ׳; וַוייל נָאר מִיט אַ סֵדֶר קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין, אָן אַ סֵדֶר אִיז דִי לֶעבְן אַ שְׁטִיק דוּרְכְפַאל; טָאג אִיז נִישְׁט טָאג, נַאכְט אִיז נִישְׁט נַאכְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וֶוען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוּן וֶוען צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין, דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז מֶען מְבוּלְבָּל; דָאס אִיז שַׁיָּיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ וּבִפְרָט בַּיי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ גוּטֶע סֵדֶר קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, סֵיי יֶעצְט אוּן סֵיי דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע לֶעבְן.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי. אִיךְ ווֵייס אַז דוּ הָאסְט לִיב צוּ גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים אִיז אַזוֹי, מֶען הָאט אַ יֵצֶר הָרָע צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט פֶּענֶיעֶן דִי נֶעכְט מִיט גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, מֶען גֵייט אוּן מֶען קוּמְט אִין דִי שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעוֹת; אִיךְ בֶּעט דִיךְ פֶּענֶיעֶ נִישְׁט

דִי נֶעכְט, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע, גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צַייט, אוּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אִין צַייט; דִי גַאנְצֶע טָאג וֶועט דִיר גוּט גֵיין.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט מִיר אַנְטְלָאפְן אַזוֹי פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֵּין הַזְמַנִּים קֶענְסְטוּ מֶער לֶערְנֶען ווִי אַ גַאנְצֶע זְמַן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִין חוֹדֶשׁ נִיסָן, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'בֵּין הַזְמַנִּים' קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין נָאךְ מֶער צוּ לֶערְנֶען ווִי אַ גַאנְצֶע זְמַן. מַאךְ זִיךְ אַ צִיל וָואס דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן, דַאוֶוען שַׁחֲרִית פְּרִי, עֶס פַּת שַׁחֲרִית אוּן זֶעץ זִיךְ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה; הֵייבּ אָן מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר מְטַהֵר זַיין דַיין נְשָׁמָה, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, 'מִשְׁנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'נְשָׁמָה' (בְּאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים הִלְכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, סְעִיף קָטָן ו), אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע וָוארְט, אָבֶּער קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן וָואס אִיז אַיינְגֶעגֶעסְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס, לֶערְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ריד), 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט תַּלְמוּד בַּבְלִי, מֶען לֶערְנְט גְמָרָא - פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין; מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט -

אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי עֵצָה פַאר אַלֶע פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת אִיז צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען טוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער וֶוערְט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה מְיֻשָּׁב אוּן מְסוּדָר, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי שְׁרֶעק.

[בַּאזוּנְדֶער פַאר תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; יֶעצְט אִין דִי צַייט וָואס עֶס קוּמְט פָאר דִי מִלְחָמָה מִיט אִירַאן, אוּן עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס אוֹיךְ פוּן לְבָנוֹן, וָואס חִיזְבַּאלַא שִׁיסְן, אוּן עֶס פַּייפְּט כְּסֵדֶר, אוּן דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן צֶעטוּמְלְט פוּן דַארְפְן לוֹיפְן אִין דִי שׁוּץ צִימֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ בִּשְׁעַת עֶס פַּייפְּט אוּן מֶען גֵייט זִיךְ בַּאשִׁיצְן - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס גֶעבְּט מוֹחִין, דָאס גֶעבְּט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועןן].

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; דִי לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין פַּארְמֶעסְט וֶוער קֶען מֶער וְכוּ' אוּן וֶוער אִיז מֶער וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג, אוּן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַרַיין אִין הָארְץ, מֶען קוּקְט וֶוער הָאט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶוער מֵיינְט אֱמֶת'דִיג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם דֶּרֶךְ הַתָּם, דֶער תַּם פְּלֶעגְט זָאגְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט, פּוּנֶעם חָכָם וְתַם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן

אַנְדֶערֶע״; עֶר פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וִויפִיל עֶר פַארְדִינְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מֶען הָאט הַיינְט אָנְגֶעהוֹיבְּן סֵפֶר וַיִּקְרָא, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה, לֶערְן יֶעדְן טָאג שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. טֵייל עֶס אֵיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען רַשִׁ״י, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים: ״אַז מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין עֲבֵירוֹת, אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ׳ס הֵיכָל״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ, אוּן שְׁלִינְגֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין וַוייבּ, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן הֵיילִיג וְכוּ׳, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים מט:), מֶען זָאל נָאר נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, וַוייל דֶער עַם הָאָרֶץ פִירְט זִיךְ ווילְד, אַזוֹי ווִי בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַ שְׁמַאטֶע, מֶען פַּייניגְט אִיר, מֶען בַּאצְווִינְגְט אִיר אוּן מֶען שְׁלָאגְט אִיר פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הִיטְן דִי תּוֹרָה, זֵיי פִירְן זִיךְ אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, נִישְׁטָא קֵיין צְווִינְגֶען, נִישְׁטָא קֵיין וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דוּ וֶוערְסְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן אִיר – זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק טְשֶׁעפֶּען, נָאר ״יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו), הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, רֶעד וֵוייךְ, רֶעד הַארְצִיג. דִי הֵיילִיגֶע

חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אַ פְרוֹי וויינְט שְׁנֶעל; פְרוֹיעֶן זֶענֶען מֶער הַארְצִיג, מֶער גֶעפִילִישׁ, אוּן אוֹיבּ מֶען מַאכְט זֵיי וֵויינֶען - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף.

בְּרוּדֶער מִיר זִיצְן דָאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען אִין רֶבִּינְ'ס חֵדֶר אוּן מִיר זִיצְן בַּיים טִישׁ פוּן מוֹהֲרַ"ן וָואס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרַ"ן זָאל אוּנְז נִישְׁט מוּסָר'ן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ, מִיר זָאלְן שְׁלִינְגֶען, מִיר זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק טַעְנָה'ן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן.

אֲפִילוּ דִי וַוייבּ שְׁרֵייט - אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן מֶען כַאפְּט אַרַיין בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ', מֶען דַארְף דָן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן זוּכְן מִיט חָכְמָה וָואס מֶען קֶען טוּן אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וואו צוּ זַיין פֶּסַח וְכוּ'; פָאר נִישְׁט אַוֶועק אוֹיף פֶּסַח, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ. עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ זַיין יוֹם טוֹב אִין שְׁטוּבּ, פֶּסַח מִיט דִי וַוייבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז גָאר גָאר שֵׁיין. עֶס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג וֶוען דֶער טַאטֶע גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער פֶּסַח בַּיים סֵדֶר דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער פֶּסַח'דִיג צוּ מַאכְן דִי שְׁטוּבּ, אַז מֶען טוּט עֶס מִיט שִׂמְחָה - אִיז דָאס גָאר גֶעשְׁמַאק, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ פֶּסַח.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מַאכְן פֶּסַח'דִיג, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵּק זַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן זִיכֶער אִיר אוֹיסְרִימֶען; דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער מִצְוָה, מִיר זָאלְן מְחַיֶּה זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זַיין מִיט זֵיי, און זֵיי רוּפְן דִיךְ צוּ קוּמֶען - אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֵיין, אָבֶּער אַז דַיינֶע בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶער גֵייעֶן שׁוֹין - פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ גֵיין; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר, גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, לֵיל הַסֵּדֶר בַּאקוּמֶען דִי עֶלְטֶערְן סְפֶּעצְיֶעלֶע כֹּחוֹת פוּן הִימְל צוּ קֶענֶען אַיינְפְלַאנְצְן דִי אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער, פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט צוּ יֶעדְן טַאטְן הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער; אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר הָאט מֶען נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, אַנְדֶערְשׁ אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת, מֶען בַּאקוּמְט דִיבּוּרִים אִיבֶּער צוּגֶעבְּן פַאר דִי דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאלְט אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי עֵצָה צוּ מְבַטֵּל זַיין שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; גַּאֲוָה וְכַדוֹמֶה - אִיז צוּ רֶעדְן ווִי מֶער פוּן אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶער מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ.

דָאס הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ; מֶען זָאל נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ מְבַטֵּל זַיין. עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מְבַטֵּל זַיין דִי גַּאֲוָה; אָדֶער זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁלֶעכְטְס, אָדֶער רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֱמוּנָה בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאלְט אַוֶועק. עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מַרְאֶה פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא (יְחֶזְקֵאל מג, ב):

"וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ" - דִי וֶועלְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּנֶעם כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט לִיכְטִיג אוּן עֶס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת וְכוּ'.

אוֹיךְ דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען דִי תְּשׁוּבָה - דָאס אִיז אוֹיךְ מְבַטֵּל דִי גַּאֲוָה; וַוייל אַז מֶען הָאט דִי מַעֲשִׂים פַאר דִי אוֹיגְן אִיז וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ גְרוֹיסְן? גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים אוּן דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, הִתְבּוֹדְדוּת קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט זָאגְן אַלֶע יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, אֲפִילוּ דִי וָואס זָאגְן נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר זָאגְן דָאס עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אוּן מָארְגְן וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר דִי מוֹסָד אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי יוֹם הוּלֶּדֶת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן 'רֹאשׁ חוֹדֶשׁ' דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, דַאוֶוען מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר, רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי זַיין אַ גוּטֶע אִיד; בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז

אויס מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), "אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, און אַן אַלְטֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין".

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ מִיט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; מִיט אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער קֶענְסְטוּ אִיר מַמָּשׁ גֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת און אַ פְּרִישֶׁע גֵייסְט צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זָאג פַאר דַיין וַוייבּ דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן און כַּשֶׁרְ'ן - וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר.

דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ בִּיכֶער, הַאלְט נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ בִּיכֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַ הַסְכָּמָה פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים, און רֵיינִיג אוֹיס דַיין שְׁטוּבּ פוּן צֵייטוּנְגֶען און מַאגֶעזִינֶען, (הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן און מֶער נִישְׁט קוֹיפְן קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג, קַיין שׁוּם מַאגֶעזִין, וֶועסְטוּ זַיין מֶער גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ).

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ וַוארְט דִיךְ צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן עֶרֶב שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן עֶרֶב שַׁבָּת, אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער

זָאלְן זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן; דִי זְמַן וֶוערְט שׁוֹין שְׁפֶּעט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַּארְגְלַייךְ דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט, וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, אוּן דֶערְפַּאר בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה ט, יג) בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַּארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מֶען זָאל שְׁלָאפְן עֶרֶב שַׁבָּת"; וַוייל נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאפְט עֶרֶב שַׁבָּת קֶען מֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִינְגֶען זְמִירוֹת, אַבִּיסְל לֶערְנֶען פַּאר דִי סְעוּדָה אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה, אַז נִישְׁט - שְׁלָאפְט מֶען אַיין בַּיי דִי סְעוּדָה, מֶען זִינְגְט נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה פְּרִי, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פַּארְן זְמַן אִין מִקְוֶה, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ גֶעדְרֶענְג, עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל; גֵיי מִיט זֵיי פְּרִיעֶר, עֶס לוֹינְט דִי אַרְבֶּעט, עֶס לוֹינְט דִי אִינְוֶועסְטִירוּנְג, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען שֵׁיינֶע נַחַת, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע, וֶועסְט קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

מהדורת שמואל אייזיק

הספר הקדוש הזה נתנדב

לעילוי נשמת

הר"ר **שמואל אייזיק**

בן הרה"ח

**ר' יואל סאמעט**

נפטר כ"ז אדר